**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:56
מוצאי שב"ק..................9:25

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.........................איוב כ"ו-כ"ז
בבלי........................סוכה כ"ד
ירושלמי....................נדרים ט"ז
תוספתא.....................חלה א'
רמב"ם.....................תרומות י"ב

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת עקב, כ"ב אב, אבות פרק ד', שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 43 (510)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וְגוֹ' וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ וְגוֹ'. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: אוֹיבּ וֶועלְן דִי אִידְן זַיין וואוּיל, זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט עֶר זֵיי גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. רַשִׁ"י זָאגְט, אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בַּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן, אוֹיבּ וֶועט מֶען פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן אוֹיף זֵיי מִיט דִי פִּיס, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז שִׁיקְן אַלֶעס גוּטְס. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס זֶענֶען דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן צוּטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס?

דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, וָואס זָאגְט דְרֵיי לְשׁוֹנוֹת, תִּשְׁמְעוּן, וּשְׁמַרְתֶּם, וַעֲשִׂיתֶם, אַז דָאס אִיז קֶעגְן מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא, דִי דְרֵיי הוֹיפְּט לִמּוּדִים, וָואס אַ אִיד דַארְף לֶערְנֶען. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וֶוערְט אִים גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק דָאס לֶעבְּן, סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת. דֶער יֵצֶר הָרַע פְּרוּבִּירְט אָבֶּער אוֹיף אַלֶע וֶועגְן זִיכֶער צוּ מַאכְן מְ'זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין תּוֹרָה, עֶר רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קְלָארֶע מֹחַ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין תּוֹרָה, עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גוּטֶע חַבְרוּתָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָבֶּער גֶעגֶעבְן אַ "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) וָואס מִיט דֶעם קֶען יֶעדֶער לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין יֶעדֶע סֵפֶר, אוּן מֶען לֶערְנְט עֶס אִין אַ סֵדֶר; אוֹיבּ פַארְשְׁטֵייט מֶען אִיז גוּט, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט זָאגְט מֶען בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן וֶוען מֶען זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט מֶען עֶס צוּם סוֹף פַארְשְׁטֵיין.

קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנַיּוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן מַאכְן דָאס אַוֶועק "דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, לֶערְנֶען הֵייסְט נָאר וֶוען מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ אוֹיף אַמָאל, מִיטְ'ן גְרֶעסְטְן עִיּוּן, צוּ פַארְשְׁטֵיין קְלָאר יֶעדֶע זַאךְ". אוּן אַזוֹי קוּמְט אוֹיס אַז זֵייעֶר אַסַאךְ צַייטְן לֶערְנְט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, אָבֶּער וֶוען מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען לֶערְנְט אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסְל אוֹיף אַמָאל, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט. דֶעמָאלְט קוּמְט מֶען אָן זֵייעֶר אַסַאךְ.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בַּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן, אוֹיבּ וֶועט מֶען פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶס מִיט דִי פִּיס, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" וָואס אִיז אַ גְרִינְגֶע גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דוּרְכְגֵיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, וָואס דֶער וֶועג זֶעט טַאקֶע אוֹיס וִוי אַ חוֹזֶק בַּיי טֵייל מֶענְטְשְׁן; אוֹיבּ אָבֶּער מֶען וֶועט עֶס יָא אַיינְהַאלְטְן, וֶועט מֶען דוּרְךְ דֶעם אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה, אוּן דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן הַשְׁפָּעוֹת.

נָאךְ אַ מִצְוָה וָואס מֶענְטְשְׁן צֶעטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס, אִיז שִׂמְחָה, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט) דֶעם פָּסוּק, וְהָיָה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה (בַּמִּדְבָּר רַבָּה פי"ג ס"ה). **וְהָיָה** - אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ, אַז, **עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן** - אֲפִילוּ דִי פִּיס וֶועלְן הֶערְן, דָאס מֵיינְט אַז מֶען וֶועט זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דִי פִּיס וֶועלְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, **וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית** - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין זֶען אַז מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית, וַוייל דִי סָארְט עֲבֵירוֹת קוּמֶען נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אָבֶּער פְרֵיילִיךְ וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן עֲבֵירוֹת. דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) **"מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"**, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל, וָואס דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלֶעכְטְס.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק, מֶען זָאל זֶען אָפְּצוּהִיטְן דִי מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן צוּטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן שִׂמְחָה, פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן עֶס אַוֶועק; אוֹיבּ וֶועט מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט מֶען הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

(תּוֹךְ הַנַּחַל עֵקֶב תשס"ח, זֹאת הַתּוֹרָה עֵקֶב א')

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אִינְאֵיינֶעם אִין גַן עֵדֶן

וֶוען דֶער צַדִיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מְרִימְנוֹב זי"ע אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיז עֶר גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ. זַיין וַוייבּ הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ אוּן זִי הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעהאלְפְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִי פְלֶעגְט אִים בְּרֶענְגֶען יֶעדְן טָאג צוּ עֶסְן אִין שׁוּל, אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען.

אֵיין טָאג וֶוען זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בֶּעקֶער קוֹיפְן אַ בְּרוֹיט פַאר אִיר מַאן, הָאט דֶער בֶּעקֶער אִיר מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְן אוֹיף בָּארְג, נָאכְדֶעם וָואס זִי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג וָואס זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען צוּ עֶסְן פַאר אִיר מַאן. וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דֶער דְרִיטֶער טָאג, הָאט זִי זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן זִיךְ אִיז נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן דֶעם בֶּעקֶער אַז אִיר זָאל אִיר גֶעבְן נָאךְ אֵיין בְּרוֹיט אוֹיף בָּארְג, וַוייל אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרֵיי טֶעג. דֶער בֶּעקֶער הָאט אָבֶּער בְּשׁוּם אוֹפָן גֶעוָואלְט גֶעבְן נָאךְ אַ בְּרוֹיט, עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִי וֶועט אִים אַמָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן.

זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען, זִי הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים בֶּעקֶער אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיר אוּן אוֹיף אִיר מַאן. זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן וִוי אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרֵיי טֶעג. דֶעמָאלְט הָאט אִיר דֶער בֶּעקֶער גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְן אַ בְּרוֹיט, אָבֶּער נָאר אוֹיבּ אִיר גֶעבְּט מִיר אַוֶועק אֵייעֶר גַאנְצֶער חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן!"

אִין אָנְהוֹיבּ הָאט זִי מוֹרָא גֶעהַאט דָאס צוּ

<<<<<<

## א גוט ווארט

נֶעם דַיינֶע קִינְדֶער אוּן טַאנְץ מִיט זֵיי בַּיי דִי סְעוּדָה; קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ וֶוען מֶען טַאנְצְט, קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ שִׂמְחָה; אַז מֶען וַוייזְט פַאר דִי קִינְדֶער אַ פְרֵיילִיכֶע תּוֹרָה, אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת, פְרֵיילִיכֶע מִצְוֹות - וֶועלְן זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי תּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד' אוֹת ה): "עֶס הָאט אַ פָּנִים אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ נָאר אַז מֶען מַאכְט זִיךְ נַארִישׁ"; לִכְאוֹרָה, וִוי אִיז שַׁיָיךְ זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן? מִיר דַארְפְן זִיךְ דָאךְ פִירְן בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב, אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן וֶועלְן אַלֶע זָאגְן וָואס מֶען זָאגְט שׁוֹין וְכוּ'; נָאר דָאס גֵייט אַרוֹיף אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען זָאל זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן מִיט דִי קִינְדֶער, זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, מַאכְן פְרֵיילִיכֶע זַאכְן וָואס קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנָּן תשפ"א)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## אִיךְ הָאבּ צֶערִיסְן גִּלְיוֹנוֹת, פַאַרְשֶׁעמְט מְפִיצִים, וְוִי אַזוֹי טוּ אִיךְ תְּשׁוּבָה?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אֶת חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר הַיּוֹם, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אוֹיף מִיר לִיגְט דִי אַחְרָיוּת זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זַאכְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט אַז אִיךְ טוּ עֶס לְשֵׁם שָׁמַיִם, עֶס הָאט מִיר גֶעשְׁטֶערְט אַז מֶען בְּרֶענְגְט בְּרֶסְלֶב'עֶ זַאכְן צוּ אוּנְזֶער קְהִילָה, אוּן דֶערִיבֶּער פְלֶעג אִיךְ צֶערַייסְן דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן פַארְשֶׁעמֶען דִי וָואס בְּרֶענְגֶען דִי קוּנְטְרֵסִים, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אַז אִיךְ טוּ אַ גוּטֶע זַאךְ.

בִּיז פָארִיגֶע וָואךְ, וֶוען יַד ה' הָיְתָה בִּי, מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, זִי דַארְף אַ גְרוֹיסֶע רְפוּאָה, אִיךְ הָאבּ אַ קִינְדֶער גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטוּבּ, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג דֶערִין, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶע'רוֹדְפְ'ט אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִידְן, אוּן צֶערִיסְן דִי גִלְיוֹנוֹת. אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אוּן אִיךְ וֵוייס אַז אִין בְּרֶסְלֶב קֶען מֶען הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיךְ וִויל פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ט' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי זוּךְ אוֹיף אַלֶע מְפִיצִים וֶועם דוּ הָאסְט מְבַזֶּה גֶעוֶוען אַלֶע יָארְן בְּרַבִּים אוּן בֶּעט זֵיי אִיבֶּער. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוֹן, זָאלְסְט אִיבֶּער בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן פַארְ'ן צֶערַייסְן זַיינֶע סְפָרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה פַאר דַיין וַוייבּ בְּתוֹךְ שְׁאָר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנַּן תשפ"א)

## גֶעלְט אִיז נִישְׁט קַיין אָפְּהַאלְט פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן

וֶוען מֶען דַארְף אַ יְשׁוּעָה אִיז גֶעלְט קַיין אָפְּהַאלְט, מֶען טוּט אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט וָואס מֶען קֶען נָאר טוּן - בִּיז מֶען בַּאקוּמְט דִי יְשׁוּעָה.

גֶעלְט טָאר נִישְׁט זַיין קַיין אָפְּהַאלְט פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן אוּן קַיין יַבְנְאֵל אוּן אַזוֹי אוֹיךְ צוּ אַנְדֶערֶע מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים; אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט זָאלְסְטוּ בָּארְגְן, מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט מֶען מֶעג בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן. הֲגַם מוֹהֲרָ"אשׁ הָאט אוּנְז זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אָנְגֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ בָּארְגְן גֶעלְט, דָאךְ זָאגְט מוֹהֲרָ"אשׁ אַז מֶען מֶעג בָּארְגְן אוּן מֶען זָאל בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוֹן, דֶער רֶבִּי זָארְגְט פַאר דִי שְׁפֶּעזְן, דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט: "אִיךְ זָארְג פַאר עֶנְקֶער שְׁפֶּעזְן, דִי וֶועג צוּ מִיר אוּן דִי וֶועג אַהֵיים".

יֶעצְט אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דִי גְרֶענִיץ אִיז פַארְמַאכְט, מֶען לָאזְט נִישְׁט אַרַיין קַיין חוּץ לָאָרֶץ'דִיגֶע בִּירְגֶער, יֶעצְט אִיז נָאר שַׁיָּיךְ צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן; זָאלְסְטוּ קוֹדֶם פָארְן קַיין אוּמַאן אוּן עוֹד חָזוֹן - וֶועסְטוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט; עֶס אִיז פַאר דִיר אוֹיךְ דָא אַ שִׁידוּךְ, עֶס אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פַאר דִיר אַ פָּאר נָאךְ פוּן אֵיידֶער דוּ בִּיסְט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן; בְּלַייבּ שְׁטַארְק מִיט דַיין אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל אוּן אַ פֶערְטֶע מָאל אוּן טוֹיזְנְט מָאל - בִּיז דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען דַיין שִׁידוּךְ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנַּן תשפ"א)

>>>>>>

טוּן, אָבֶּער צוּם סוֹף הָאט זִי מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּם גֶעשֶׁעפְט, אוּן זִי הָאט אִים אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אַ צֶעטְל אַז זִי גֶעבְּט אִים אַוֶועק אִיר גַאנְצֶע גַן עֵדֶן, אוּן עֶר זָאל אִיר גֶעבְּן אַ בְּרוֹיט. עֶר הָאט אִיר טַאקֶע גֶעגֶעבְּן אַ בְּרוֹיט אוּן זִי אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן מִיט אֵיין אָטֶעם צוּ טְרָאגְן דֶעם בְּרוֹיט פַאר אִיר מַאן אִין שׁוּל.

וֶוען זִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל הָאט זִי גֶעזֶען אַז אִיר מַאן אִיז זֵייעֶר שְׁוַואךְ אוּן פַאר'חַלָשְׁ'ט. גְלַייךְ וֶוען זִי הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דָאס בְּרוֹיט, הָאט זִיךְ דֶער צַדִיק גֶעוַואשְׁן אוּן גֶעגֶעסְן. עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט: "זָאלְסְט וִויסְן אַז וֶוען דוּ בְּרֶענְגְסְט וֶוען מִיר נִישְׁט יֶעצְט דֶעם בְּרוֹיט, וָואלְט אִיךְ רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פַאר הוּנְגֶער".

אִינְצְוִוישְׁן הָאט זִי זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען. וֶוען אִיר מַאן הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זִי וֵויינְט, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ פַארְקוֹיפְט מַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא פַאר דִי אֵיינֶע בְּרוֹיט. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט דַיין לֶעבְּן, אָבֶּער וָואס וֶועט יֶעצְט זַיין מִיט מִיר?" דֶער צַדִיק הָאט אִיר בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ דַארְפְסְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט זָארְגְן, אִין דֶעם זְכוּת פוּן דַיין מְסִירַת נֶפֶשׁ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גְרוֹיסְן שְׂכַר, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין צוּזַאמֶען מִיט מִיר אִין גַן עֵדֶן".

יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען זִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט מֶען אִיר גֶעלֵייגְט אִינֶעם זֶעלְבְּן אוֹהֶל נֶעבְּן אִיר מַאן. כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אִין יֶענֶע צַייטְן צוּ לֵייגְן דִי רֶבִּיצִין נֶעבְּן אַ צַדִיק, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ סִימָן אוּן אַ רֶמֶז אוֹיף דֶעם אַז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִיט אִים אִינְאֵיינֶעם אִין גַן עֵדֶן.

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ז.), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט אַ גְרֶעסֶערֶע שְׂכַר פַאר פְרוֹיעֶן וִוי פַאר מֶענֶער. פַארְוָואס בַּאקוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן אַזַא גְרוֹיסֶע שְׂכַר? וַוייל זֵיי הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען מְחַזֵק אוּן זֵיי שְׁטַארְקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אַז זֵיי זָאלְן זַיין ווָאוִיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אוֹיךְ וַוייל זֵיי טְרָאגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס שְׁטֵייט צוּ אִיר מַאנְ'ס זַייט, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס גוּטְס פוּן אִים, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס וָואס עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ גֵיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן צוּ זַיין ווָאוִיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן זִיכֶער רֶעדְט זִי אִים נִישְׁט אָפּ אוּן זִי מַאכְט נִישְׁט אַוֶועק זַיינֶע גוּטֶע זַאכְן. מִיט דֶעם וָואס זִי אִיז מְחַזֵק אִיר מַאן, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ פוּנְקְט אַזַא גְרוֹיסֶע שְׂכַר וִוי אִים, זִי וֶועט זִיךְ טֵיילְן מִיט זַיין חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן, אוּן עֶס וֶועט אִיר זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען מֶען זָאגְט אַז דִי פְרוֹי טֵיילְט זִיךְ מִיט דִי שְׂכַר פוּן אִיר מַאן, מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז יֶעדֶער פוּן זֵיי וֶועט נָאר בַּאקוּמֶען הַאלְבּ. אַז מִיט דֶעם וָואס זִי הֶעלְפְט אִיר מַאן, וֶוערְט אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַ חֵלֶק פוּן זַיין שְׂכַר אוּן מֶען גֶעבְּט עֶס פַאר דִי פְרוֹי. דָאס אִיז אַ טָעוּת. חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ"ד.) אַז דִי מַאן אוּן פְרוֹי זֶענֶען וִוי אֵיין מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"ה) אַז אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דִי נְשָׁמָה פוּן אַ מַאן אוּן וַוייבּ, אֵיין נְשָׁמָה. נָאר וֶוען דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט עֶס צוּטֵיילְט אִין צְוֵויי גוּפִים, פַאר דִי מַאן אוּן פַאר דִי וַוייבּ. קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען זֵיי הֶעלְפְן זִיךְ אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, זֵיי לֶעבְּן צוּזַאמֶען מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם, בַּאקוּמֶען בֵּיידֶע דִי זֶעלְבֶּע שְׂכַר אִינְאֵיינֶעם.

מְ'קֶען נִישְׁט שַׁאצְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר אִיר מַאן. זִי אִיז אִים מְחַזֵק אוּן שְׁטַארְקְט אִים, זִי הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס אַז עֶר זָאל קֶענֶען זַיין ווָאוִיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַז עֶר זָאל רוּאִיגְערְהֵייט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין דַרְגָה, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט זִי זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אשׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ אִשָּׁה וְעֶרֶךְ זְכוּת)


# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

## רעגיסטראציע שנת תשפ"ב

אין די יעצטיגע טעג שיקן מיר ארויס די רעגיסטראציע בויגנס פאר אלע עלטערן פון די מוסדות, פאר די קומענדיגע לערן יאר שנת תשפ"ב לפ"ק.

מאכט זיכער צוריק צו שיקן די צעטלעך ווי פריער דורך פאסט, פעקס, אדער אימעיל. די מוסדות האבן זיך ב"ה זייער צעוואקסן, און מיר וועלן נישט קענען האבן א פלאץ פאר אייער קינד, אויב איז דאס קינד נישט איינגעשריבן באצייטנס.

**מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע**

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי׳ן (קיד)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: ר׳ נָתָן פָארְט מוֹצָאֵי סוּכּוֹת צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף בְּרֶסְלֶב, מִיטְ׳ן פְּלַאן גְלַייךְ אַהֵיימְצוּפָארְן, אָבֶּער דֶער רֶבִּי וִויל עֶר זָאל דָארְט בְּלַייבְּן.**

**תלו**

מִיטְוָואךְ, אִסְרוּ חַג, פַארְטָאגְס פַארְ׳ן זוּן אוֹיפְגַאנְג, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעגַאנְגֶען מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן אִין מִקְוֶה, אוּן דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען אִינְ׳ם אָרְטִיגְן שׁוּל. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט צְוֵויי פָּאר רַשִׁ״י׳ס תְּפִלִּין, אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אֵיין פָּאר פַאר רֶבִּי נָתָן, מִיט זַיין וָואכְנְדִיגֶע טַלִּית, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט דָארְט אִין שׁוּל.

נָאכְ׳ן דַאוֶוענֶען הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעסְן פְרִישְׁטָאג בַּיים רֶבִּי׳ן, אוּן נָאכְ׳ן בֶּענְטְשְׁן הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, ״קוּם, לָאמִיר גֵיין אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן״. זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן שְׁפַּאצִירְט אַבִּיסְל אַהִין אוּן צוּרִיק, רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן זַיין גַאנְצְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִיטְ׳ן כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וִוי אַזוֹי דִי תְּפִלּוֹת זֶענֶען צוּגֶעגַאנְגֶען אִין דִי סוּכָּה מִיט כֹּחַ אוּן מִיט קְלַאטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁטַארְקֶע הִתְלַהֲבוּת, אוּן עֶר הָאט דַאן מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (דְבָרִים ל״ב, נ״א) ״עַל אֲשֶׁר מְעַלְתֶּם בִּי״ (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן מ״ח), אַז סוּכָּה אוּן תְּפִלָּה בְּכֹחַ זֶענֶען מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

רֶבִּי נָתָן הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא, דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיי אִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט פִיל צַעַר פוּן דֶעם, עֶר הָאט אָבֶּער נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן דֶערְוֶועגְן, אוּן יֶעצְט זֶעט עֶר אַז דֶער רֶבִּי הָאט דָאס אַלֵיין גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, וָואס אוֹיף דֶעם אַרוֹיף הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אַז שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אִיז מְסוּגָל פַאר דֶעם, אוּן אַז סוּכָּה אוּן תְּפִלָּה בְּכֹחַ זֶענֶען אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אִיבֶּער דִי צַעַר וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעלִיטְן פוּן דֶעם, אוּן יֶעצְט הָאבְּן זֵיי נָאכְאַמָאל גְרוֹיסֶע פְּחָדִים אוּן זֵיי וַוארְטְן שׁוֹין קוֹים זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ גֶעזוּנְטֶע לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער.

הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, ״אוֹיף דֶעם דַארְפְסְטוּ מִיר גֶעבְּן אַ פִּדְיוֹן״, רֶבִּי נָתָן הָאט גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״אֲפִילוּ אָן דֶעם הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעטְרַאכְט צוּ גֶעבְּן אַ פִּדְיוֹן״, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, ״אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט, נָאר זָאלְסְט זֶען אָנְצוּגְרֵייטְן זֶעקְס בֶּענְקְלֶעךְ פַאר מִיר אִין שְׁטוּבּ, אַ בְּחִינָה פוּן ״שֵׁשׁ מַעֲלוֹת לַכִּסֵּה״ (מְלָכִים-א י׳, י״ט), וָואס דָאס אִיז קֶעגְן דֶעם וָא״ו אִינֶעם אַלֶ״ף, וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט אִין דִי תּוֹרָה פוּן שַׁבָּת שׁוּבָה״. [אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, יֶענֶעם ווִינְטֶער הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעמַאכְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן זֶעקְס בֶּענְקְלֶעךְ, אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶעקְס קִינְדֶער, פִינְף זִין אוּן אֵיין טָאכְטֶער].

נָאכְ׳ן עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן מִיטָאג. דֶער רֶבִּי הָאט תּוֹפֵס גֶעוֶוען זַיין מַחְשָׁבָה אַז עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַזַא שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן הִתְלַהֲבוּת אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק אַהֵיימְצוּגֵיין, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, ״בִּיז יֶעצְט הָאסְטוּ מְקַיֵּים גֶעוֶוען דֶעם ׳בָּקִי בְּרָצוֹא׳, אוּן יֶעצְט דַארְפְסְטוּ מְקַיֵּים זַיין דֶעם ׳בָּקִי בְּשׁוֹב׳״. אוּן פַארְנַאכְטְס אִיז טַאקֶע רֶבִּי נָתָן צוּרִיקְגֶעפָארְן אַהֵיים קַיין נֶעמִירוֹב.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען שִׂמְחוֹת אָן הַארְץ וֵוייטָאג אוּן חוֹבוֹת?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

שְׁ׳כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ.

אִיךְ זֶע אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ; אַזוֹיפִיל עַסְקָנִים פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ קֶענֶען מַאכְן שִׂמְחוֹת מִתּוֹךְ שִׂמְחָה, אַז מְ׳זָאל נִישְׁט דַארְפְן אַרַיינְפַאלְן אִין שְׁוֶועֶרֶע חוֹבוֹת בַּיים חֲתוּנָה מַאכְן אַ קִינְד, מְ׳פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל סָארְט עֵצוֹת אוּן תַּקָּנוֹת, אָבֶּער עֶס אַרְבֶּעט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס אִינְגַאנְצְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק הָאבְּן יְחִידִים זִיךְ גֶעוָואלְט אַלֵיין שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִּיס אוּן אָנְהוֹיבְּן מַאכְן שִׂמְחוֹת מִיט אַ גְרָאדְן שֵׂכֶל, סְ׳הָאט זִיךְ אָבֶּער אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי צוּגֶעכַאפְּט דֶערְצוּ. אִיךְ זֶע אָבֶּער אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אִיז יָא מַצְלִיחַ אִין זַיין קְהִלָּה אַרָאפְּצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הוֹיכְן סְטַאנְדַארְט, אִיר הָאט יָא הַצְלָחָה מִיט אַייעֶרֶע תַּקָּנוֹת, דִי מְחוּתָּנִים זוּכְן נִישְׁט אוֹיסְצוּשְׁפִּילְן דֶעם סִיסְטֶעם, אִיר גֵייט אָן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, אִיז מַיין שְׁאֵלָה וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען דָאס? וָואס אִיז דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה אוּנְטֶער דֶעם? אִיז דָא אַן הָאפֶענוּנְג אַז אַנְדֶערֶע וֶועלְן דָאס אוֹיךְ קֶענֶען נָאכְמַאכְן נָאכְ׳ן דוּרְכְפַאלְן אַזוֹי סַאךְ מָאל? אִיךְ טְרַאכְט פָּשׁוּט וִוי אַזוֹי אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען סְפְּרַאוֶועןְ בַּיי דִי חֲתוּנוֹת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ צִיטֶער פוּן דִי חוֹבוֹת.

*יְיַשֵׁר כֹּחַ*

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט אָנְגֶערִירְט אַ פַארְוֵוייטָאגְטֶע נוֹשֵׂא; וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן פוּן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר שִׂמְחוֹת אִיז דָאס זֵייעֶר וֵוייטָאגְלִיךְ.

אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר שִׂמְחוֹת אִיז אַ זַאךְ וָואס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ, דֶער שֵׂכֶל פַארְנֶעמְט דָאס נִישְׁט, עֶס אִיז אַ הִימְל גֶעשְׁרֵיי וָואס גֵייט פָאר הַיינְטִיגֶע טֶעג; דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת וָואס עֶלְטֶערְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער וֶוען מֶען מַאכְט אַ שִׂמְחָה, גְלַייךְ אִין אָנְהֵייבּ וֶוען מֶען מַאכְט אַ שִׁידוּךְ, נָאךְ פַאר וָואס, וֶוען, וִוי - אִיז מֶען שׁוֹין אַ בַּעַל חוֹב פוּן שְׁוֶועֶרֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

מְחוּתָּנִים גֵייעֶן צוּגְרוּנְד, מְחוּתָּנִים וֶוערְן שְׁוֶועֶרֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת; אַנְשְׁטָאט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט זֵייעֶר שִׂמְחָה - גֵייעֶן זֵיי אַרוּם פַארְ׳דַאֲגָה׳ט וואוּ זֵיי קֶענֶען שַׁאפְן דִי גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער וָואס עֶס קָאסְט צוּ קֶענֶען אוּנְטֶער פִירְן דֶעם קִינְד אוּנְטֶער דִי חוּפָּה שְׁטַאנְגֶען, זֵיי וֶוערְן קְרַאנְק הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, דִי הַארְץ פוּן פְלֵייש אוּן בְּלוּט קֶען דָאס נִישְׁט פַארְנֶעמֶען, עֶס הֶערְט אוֹיף קְלַאפְּן; מֶען הֶערְט לֵיידֶער אַזוֹיפִיל מַעֲשִׂיוֹת וִוי מְחוּתָּנִים לֵייגְן זִיךְ צוּזַאמֶען בְּעֵת שִׂמְחָתָם הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

אוֹיךְ אִיז דָאס גוֹרֵם אַז מֶען זָאל נִישְׁט טוּן שִׁידוּכִים מִיט דִי קִינְדֶער; עֶלְטֶערְן זֶענֶען מַפְקִיר דִי טֶעכְטֶער, מֶען שִׁיקְט זֵיי אִין אַן אָפִּיס אַרְבֶּעטְן זֵיי זָאלְן אַהֵיים בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, פַאר דִמְיוֹנוֹת אוּן כָּבוֹד הַמְדוּמֶּה; עֶנְדֶערְשׁ וַוארְטְן אוּן נִישְׁט טוּן שִׁידוּכִים כְּדֵי צוּ קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן וִוי אַ רַייכֶער מֶענְטְשׁ, וִוי אֵיידֶער צוּ טוּן וָואס אִיז גוּט פַאר דִי קִינְדֶער, טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס וָואס מִיר טוּעֶן אִין דִי לֶעצְטֶע יָארְן, מִיר מַאכְן חֲתוּנָה אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער בְּחִנָּם, עֶס קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן אָנְהֵייבּ שִׁידוּךְ בִּיז נָאךְ דִי חֲתוּנָה, הַכֹּל בַּכֹּל מִכֹּל כֹּל קוּמְט אוֹיס זִיבְּן אַכְט טוֹיזְנְט דָאלֶער; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין נֵייעֶ זַאךְ, דָאס הָאט מוֹהֲרָא״שׁ אַיינְגֶעפִירְט מִיט צֶענְדְלִיגֶער יָארְן צוּרִיק אִין יַבְנְאֵל - דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳ער שְׁטָאט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן בְּחִנָּם. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען, אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין לֶעבְּן פַאר דֶעם, עֶר אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן פַאר דֶעם; עֶר הָאט גֶעבּוֹיט אַ זַאל אוּנְטֶער דֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יַבְנְאֵל פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן אוּמְזִיסְט. עֶס אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מֶען בֶּעט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַארְ׳ן זַאל; דִי סְעוּדָה וֶוערְט צוּגֶעשְׁטֶעלְט דוּרְךְ מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דִי נָאנְטֶע אוּן בַּאקַאנְטֶע בְּרֶענְגֶען דִי עֶסְן, יֶעדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; אֵיינֶער אַ קוּגְל, אַ צְוֵוייטֶער אַבִּיסְל רַייז, אַ דְרִיטֶער אַבִּיסְל לָאקְשְׁן מִיט מְזוֹנוֹת, עֶס אִיז גֶעוֶוען בְּחִנָּם, צֶענְדְלִיגֶער אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דָארְט בְּחִנָּם, לַאנְגֶע יָארְן הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעקֶענְט חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אָן קַיין חוֹבוֹת, אָן קַיין דַאֲגוֹת, אָן גָארְנִישְׁט; מֶען דַארְף נִישְׁט בָּארְגְן, מֶען דַארְף נִישְׁט זָארְגְן, מֶען טוּט זִיךְ אָן דִי שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע, אוּן מֶען גֵייט פְרֵיילִיכֶערְהֵייט צוּ דִי שִׂמְחָה.

בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער רָב וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט מִטַּעַם מְדִינָה הַצִּיוֹנוּת אִין יַבְנְאֵל, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסְרְ׳ן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, דֶער רָב הָאט גֶעשְׁטֶערְט יֶעדֶע הֵיילִיגֶע זַאךְ; וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעטוּן - הָאט עֶר חָרוּב גֶעמַאכְט, נִישְׁט גֶעוֶוען אַ זַאךְ אִין יַבְנְאֵל וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט; עֶר אִיז אַ גֶעלְט רָב, דִי מְדִינָה שְׁטֶעלְט רַבְּ׳לֶעךְ אִין אַלֶע דֶערְפֶער אִין שְׁטֶעט וָואס זֵיי זֶענֶען אוּנְטֶער גֶעקוֹיפְט פַאר דִי מְדִינָה הַצִּיוֹנוּת אוֹיסְצוּרַייסְן דִי תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; פוּן דֶעמָאלְט הָאט מֶען אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן שִׂמְחוֹת אִין יַבְנְאֵל, לֶעצְטְנְס הֵייבְּט מֶען צוּרִיק אָן צוּ מַאכְן שִׂמְחוֹת בְּחִנָּם.

וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אַמֶערִיקֶע הָאבְּן זִיךְ דֶערְזֶען מִיט זִין אוּן טֶעכְטֶער אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים,

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

מֶען הָאט גֶעזֶען וָואס וַוארְט אוּנְז אָפּ, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז אָט אָט גֵייעֶן מִיר גֵיין צוּ דִי שְׁחִיטָה, מִיר גֵייעֶן אָנְהֵייבְּן מִיט חֲתוּנוֹת, מִיר גֵייעֶן דָאס נִישְׁט קֶענֶען נֶעמֶען; הָאבְּן מִיר מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז מִיר גֵייעֶן טוּן וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן, מִיר הָאבְּן נָאכְגֶעמַאכְט וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען אִין יַבְנְאֵל אוּן מִיר מַאכְן חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה גֶענְצְלִיךְ בְּחִנָם.

אַלֶע וָואס בַּאטֵיילִיגְן זִיךְ בַּיי דִי שִׂמְחוֹת אִין יְשִׁיבָה זָאגְן בְּפֶה מָלֵא: "וָואס פֶעלְט פַאר דִי שִׂמְחָה? פַארְוָואס מַאכְט דָאס נִישְׁט מַיין רַב? פַארְוָואס טוּט דָאס נִישְׁט מַיין קְהִילָה? פַארְוָואס זָאלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט פְרֵייעֶן בַּיי אוּנְזֶער קִינְדֶער'ס שִׂמְחוֹת?" דָאס אִיז אַ קַשְׁיָא וָואס אַלֶע פְרֶעגְן אוּן דָאס אִיז טַאקֶע אַ גְרוֹיסֶער קַשְׁיָא, פַארְוָואס זָאלְן מֶענְטְשְׁן לַיידְן אַזוֹיפִיל פְּלָאג וֶוען מֶען מַאכְט שִׂמְחוֹת?!

אֲפִילוּ עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן יָא גֶעלְט מֶעגְן אוֹיךְ נִישְׁט טוּן וָואס מֶען וִויל; מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר הָאבְּן אַ תּוֹרָה וָואס זָאגְט אוּנְז וָואס צוּ טוּן. אַז מֶען הָאט גֶעלְט אִיז מֶען נָאכְנִישְׁט בַּארֶעכְטִיגְט צוּ פַארְשְׁוֶוענְדְן דִי גֶעלְט פַאר אַבִּיסְל כָּבוֹד, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען נֶעמֶען דִי גֶעלְט אוּן טוּן מִיט דֶעם צְדָקָה, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען נֶעמֶען דִי אַוֶועקְגֶעלֵייגְטֶע גֶעלְט אוּן דָאס גֶעבְּן פַאר דִי פָּארְפָאלְק זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן מִיט מְנוּחַת הַנֶפֶשׁ, זֵיי זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן אַ טָאג נָאךְ זֵייעֶר חֲתוּנָה אַרַיינְפַאלְן אִין דִי גֶעיֶעג פוּן דֶעקְן זֵייעֶר דִירָה וְכוּ'.

ווּאוֹיל אִיז דִי וָואס הָאבְּן יִשׁוּב הַדַעַת, זֵיי מַאכְן זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מִיט טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, זֵיי גֵייעֶן צוּ דִי שִׂמְחָה מִיט גַדְלוּת הַמוֹחִין; דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים, זֵיי לֶעבְּן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער אוּן קִינְדְ'ס קִינְדֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"א)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# די פארטווישטע קינדער

## דראמאטישע הערליכע פלעי פאר פרויען און מיידלעך

## דעם זונטאג, מאנטאג, און דינסטאג פרשת ראה

די נייעס איבער די גאר דראמאטישע העכסט אינטערעסאנטע פלעי, "פארטווישטע קינדער", וואס ווערט אהערגעשטעלט דעם קומענדיגן וואך אי"ה דורך די "בית פיגא ברסלב" תלמידות, איז געווארן זייער שנעל צעשפרייט ביי פרויען און מיידלעך. כאטש וואס מ'האט צוגערייט צו מאכן דריי מאל די פלעי, לויפן אבער אויס די טיקעטס גאר שנעל.

אין לויף פון די יארן האט די סקול שוין אויפגעשפילט גאר שיינע פארשטעלונגען פון די מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט, אבער דאס מאל אנטשפרעכט עס צו זיין גאר א פראפעסיאנעלע געלונגענע פלעי, וואס וועט איבערשטייגן אלע פריערדיגע, עס וועט האלטן געשפאנט די צושויער פאר לאנגע שעות, און זיי באגלייטן אויף שפעטער פאר גאר א לאנגע צייט.

די פארשטעלונג וועט זיין פון די מעשה וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט אין די עלפטע מעשה אינעם הייליגן ספר "סיפורי מעשיות". די מעשה פאר זיך איז גאר א דראמאטישע ערציילונג, פון די קעניגן און די דינסט וואס האבן געבוירן קינדער צו די זעלבע צייט און די קינדער זענען פארטוישט געווארן, דער קעניג'ס זון וואס איז אויפגעוואקסן ביים דינסט אבער זיין נאטור האט געצויגן צו קעניגליכקייט, און דער קנעכט וואס איז געזעסן אויפ'ן קעניגליכן טראן אבער זיין הארץ האט געצויגן צו א פויערישע לעבן. ביז זיי ביידע זענען פארוואגלט געווארן אין שרעקעדיגע וועלדער, און זענען דורכגעאנגען גאר דראמאטישע איבערלעבענישן אויפ'ן וועג, ביז צו די אטעם פארכאפנדע שפאנענדע ענדע. אין לויף פון די סצענעס וועט מען מיטהאלטן לעבעדיג די פרייליכע און טרויעריגע מאמענטן, אנגעצויגענע און רואיגע מצבים, און זען ווי אזוי די ערגסטע און שווערסטע אומשטענדן אין לעבן, זענען די גרעסטע חסדים פון הייליגן באשעפער.

די פלעי וועט אי"ה פארגעשטעלט ווערן אין די פראכפולע אודיטאריום פון די בנין המוסדות אין ליבערטי, אויף 39 Chestnut St., דעם קומענדיגן זונטאג ראה (Aug. 1) אום 2:00 אזייגער נאכמיטאג, מאנטאג ראה (Aug. 2) אום 8:00 ביינאכט, און דינסטאג ראה (Aug. 3) אום 8:00 ביינאכט. מ'קען קויפן טיקעטס דורכ'ן רופן 845-422-5305 אדער 929-722-6863. מאכט זיכער צו קויפן טיקעטס פון פאראויס, ווייל ס'וועט נישט בלייבן צופיל טיקעטס צו קויפן ביים טיר.

**לבית יעקב אלו הנשים!**

***

# מ׳גרייט זיך צום גרויסן "מעמד הכתרה" אין קרית ברסלב ליבערטי

מיט גרויס פרייד גרייט מען זיך אין קהילת היכל הקודש צום גרויסארטיגן היסטארישן "מעמד הכתרה". ווען מ'וועט מכתיר זיין דעם חשובן דיין און ראש הכולל, הרה"ג ר' יונה זינגער שליט"א, אלס דיין ומורה צדק פאר די גרויסע קהילה אין קרית ברסלב ליבערטי.

שוין צוויי יאר פארלאפן זייט אנשי שלומינו האבן זיך אנגעהויבן אריינציען אין שטעטל, אין די קורצע צייט האט זיך די שטעטל גאר שיין און גרויס צוזאמגעוואקסן און אויפגעבליעט, מיט קרוב צו הונדערט משפחות קע"ה, און די געבוידע צו האבן א דיין אויפ'ן ארט ווערט שטערקער פון טאג צו טאג.

דער חשובער דיין שליט"א האט באקומען היתר הוראה פון גרויסע פראמינענטע רבנים און מורי הוראה, ער האט גענומען שימוש ביי גרויסע דיינים מומחים, וואס האבן גאר שטארק ארויס די פראקטיק פון יעדע זאך, און האבן די קלארע מסורה פון אונזערע רבי'ס, און ער דינט שוין געטריי אלס ראש הכולל און דיין פאר די קהילה אין שטאט פאר א לענגערע צייט, און יעצט וועט ער זיך מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אריבערציען אין שטעטל, קרית ברסלב ליבערטי, וואו ער וועט באקומען דעם פאסטן פון דיין ומורה צדק אין שטעטל, ער וועט שטיין צום דינסט פון די קהילה צו פסק'נען שאלות און ענטפערן פאר אלע שואלים בדבר ה' זו הלכה.

דער גרויסער היסטארישע מעמד, וואו דער גאנצער ציבור אנשי שלומינו וועלן זיך צוזאם קומען אפצוגעבן דעם ריכטיגן כבוד התורה, וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף פארקומען אינעם גרויסן זאל פון די מוסדות היכל הקודש ברסלב אין ליבערטי, אויף 39 טשעסטנאט סטריט, קומענדיגן זונטאג פרשת כי תצא ז' אלול הבעל"ט. מיט'ן אייבערשטנס הילף איז ערווארטעט גאר א שיינער מעמד, מיט די באטייליגונג פון גאר חשובע רבנים הגה"צ שליט"א, בפרט פון די גרויסע דיינים ביי וועמען דער דיין שליט"א האט גענומען שימוש. א רייכע סעודה וועט סערווירט ווערן, מ'וועט הערן דרשות פון די חשובע רבנים און דיינים שליט"א, ווי אויך דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, די באקאנטע "הלוים" קווייער וועט מהנה זיין דעם עולם, מיט נאך גאר א שיינעם פראגראם פון וואס אלע באטייליגטע וועלן שטארק הנאה האבן.

מיר זענען מתפלל צום אייבערשטן אז דער דיין שליט"א זאל מצליח זיין מיט זיין הייליגע ארבעט, צו קענען ווייזן און לערנען דעם וועג ווי אזוי זיך צו פירן לויט די ריכטיגע הלכה, פאר לאנגע יארן געזונטערהייט.

**תנו כבוד לתורה!**

***

# בנין היכל הקודש אין אומאן

מיר ווילן לאזן וויסן אז אויף דעם קומענדיגן ראש השנה תשפ"ב זענען שוין אנגעפילט אלע בעטן אינעם בנין, מ'קען שוין נישט דינגען קיין בעטן.

מיר זוכן נאך וואלונטירן וואס זענען גרייט ארויסצוהעלפן מיט די ארבעט אין אומאן אין די טעג ארום ראש השנה. ווער עס וויל נעמען א חלק אין די גרויסע מצוה, זאל רופן 347-452-1936.


# אומאן ראש השנה!

## אלע אייערע געברויכן פאר אומאן

עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך

> בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס <

אייער פריינד

אלי קנאלל

718-506-4341

Plan it Rite

Travel the right way


# סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **ישראל אשר ווייס** הי"ו

צום שידוך שליסן פון זיין זון

החתן **נח הערש** הי"ו, עב"ג בת

מוה"ר **יואל פארקאש** שליט"א

גבאי בית המדרש היכל הקודש, קרית יואל

***

מו"ה **יואל אפפענהיים** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **ראובן ברנבוים** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **שלום פאללמאן** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

# גראפאלאגיע

**איז ריכטיג צו שיקן דעם שריפט פאר א גראפאלאג איידער מ'פירט אויס א שידוך?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 7, 2, 75**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**




הפצת הגליון במאנסי נתנדב ע"י מו"ה אברהם חיים קלאגסברוין הי"ו